## קאַפּיטל צוועלף

1 און אַ גרויס מופת האָט זיך באַוויזן אין הימל:
אַ פֿרוי געקליידט מיט דער זון, און די לבנה
אונטער אירע פֿיס, און אויף איר קאָפּ אַ קרוין
2 פֿון צוועלף שטערן; און זי איז מעוברת און
שרייט פֿון ווייען און שמאַרצן (גייענדיק) צו קינד.
3 און אַן אַנדערער צייכן האָט זיך באַוויזן אין הימל;
און אָט אַ גרויסע שלאַנג, פֿייער־רויט, מיט זיבן
קעפּ און צען הערנער, און אויף די קעפּ אירע
4 זיבן דיאַדעמען. און איר ווידל ציט אַראָפּ אַ
דריט חלק פֿון די שטערן פֿון הימל, און האָט
זיי געשליידערט אויף דער ערד; און די שלאַנג
האָט זיך געשטעלט פֿאַר דער פֿרוי, וועלכע האָט
געהאַלטן בײַם געבוירן, כּדי ווען זי וועט האָבן
איר קינד, זאָל זי (די שלאַנג) עס איינשלינגען.
5 און זי האָט געהאַט אַ בן זכר, וועלכער וועט הערשן
איבער אַלע פֿעלקער מיט אַן אײַזערנער רוט; (תּהלים
ב׳, ח־ט.) און איר קינד איז אַרויפֿגעכאַפּט געוואָרן צו
6 ג־ט און צו זײַן כּסא הכּבוד. און די פֿרוי איז אַנטרונ־
נען אין דער מדבּר אַרײַן, וואו זי האָט געהאַט אַן אָרט
צוגעגרייט פֿון ג־ט, כּדי מען זאָל זי דאָרט דערנערן
טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק טעג.
7 און עס איז געוואָרן אַ מלחמה אין הימל: מיכאל
און זײַנע מלאכים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט דער
שלאַנג; אויך די שלאַנג און אירע מלאכים האָבן
8 מלחמה געהאַלטן; און האָבן נישט גובר געווען,
און זייער אָרט האָט זיך מער נישט געפֿונען אין
9 הימל. און די גרויסע שלאַנג איז אַראָפּגעוואָרפֿן
געוואָרן, דער נחש הקדמוני, וואָס הייסט טײַוול